(אע"פ וואס בפועל איז דא א חילוק באופן העבודה פון חיוב ושלילה).

לג. נאך אן ענין אין סיום פון שיעור רמב"ם דערב פסח - שצריך ביאור, און ס'איז גאר א "קלאץ קשיא", ואעפ"כ אין איש שם על לב (עכ"פ פון די מפרשים וואס איך האב געזען). ובהקדים:

מ'זעט אז דער רמב"ם איז א דייקן נפלא, ובפרט אין מספרים וסך-הכל'ס, און וואו ער האט נאר אן אפשריות צו שרייבן א מספר וסך-הכל, שרייבט ער עס.

ווי מ'זעט עס בהקדמתו - אז ער זאגט דעם סך-הכל פון אלע מצוות עשה (רמ"ח) און מצוות לא תעשה (שס"ה), דערנאך רעכנט ער דעם מנין כל המצוות, דערנאך דעם מספר הספרים (י"ד), דערנאך דעם מספר פון די "הלכות" (הכלליות) שבכל ספר (פון די י"ד ספרים), במנין המצוות בריש כל ספר, און דעם מנין המצוות שבכל "הלכה" (כללית). און בסיום הקדמתו שרייבט ער דער מספר וסך-הכל פון אלע הלכות שבספרו - פ"ג הלכות ("ונמצאו כל ההלכות של ארבעה עשר ספרים אלו שמונים ושלש הלכות"). און דערנאך זעט מען אויך אז ער איז מדייק אין מספרים בפנים הספר בכו"כ מקומות.

לפי"ז קען מען לכאורה פרעגן: פארוואס האט דער רמב"ם ניט אויסגערעכנט דעם מספר הפרקים שבכל ספר פון די י"ד ספרים און פון כל ספר היד, אזוי ווי ער רעכנט אויס מספר ההלכות שבכל הספר (פ"ג הלכות)?

ואע"פ אז בסוף פון כמה ספרים איז געדרוקט דער מספר הפרקים אין די אלע הלכות (כלליות) ושבכל ספר, און אויך בסיום ספר היד געפינט מען דער סך-הכל פון אלע פרקים אין דעם ספר - געפינט מען אבער אין דעם כמה שינויים: בכמה כת"י זיינען זיי אינגאנצן ניטא, און אויך בדפוס זיינען זיי ניטא בסוף כל ספר, און אין דעם מספר פון כל הפרקים שבסוף ספר היד - געפינט מען אויך גירסאות שונות[167]. און דערפאר איז צ"ע אויב דאס איז פון דעם רמב"ם.

וי"ל א' מהביאורים בזה (פארוואס מספר הפרקים איז אנדערש ווי מספר ההלכות וואס דער רמב"ם האט יע געשריבן) ע"פ הידוע אז דער רמב"ם האט געשריבן ספרו בכמה מהדורות, א מהדורא קמא און א מהדורא בתרא, ויש אומרים[168] אויך א מהדורא שלישית. ובנוגע צו מספר הפרקים געפינט מען בכת"י הרמב"ם (וואס א צילום

---

167) ראה קונטרס שיחות בדבר לימוד הרמב"ם - שוה"ג להערה 26. 168) ראה הקדמת הר"י קאפח למורה נבוכים בהוצאתו.

דערפון איז געדרוקט בכ"מ)169 שינויים פון איין מהדורא צו א צווייטער מהדורא: בכמה מקומות האט דער רמב"ם אויסגעמעקט דעם מספר הפרק וואס ער האט פריער געשריבן און אנגעשריבן אן אנדער מספר.

און וויבאלד אז עס זיינען געווארן שינויים אין די מהדורות במספר הפרקים, דערפאר איז קרוב לומר אז דער רמב"ם האט לכתחילה ניט אנגעגעבן מספר הפרקים, אדער ער האט עס דערנאך משמיט געווען וויבאלד אז אין דעם זיינען געווארן שינויים.

משא"כ בנוגע צו מספר ההלכות (פ"ג הלכות בכל הספר) זיינען ניט געווען קיינע שינויים אין די מהדורות.

לד. דער דיוק פון דעם רמב"ם אין די מספרים איז במיוחד ובהדגשה במנין ומספר המצוות (תרי"ג מצוות), ועד כדי כך איז דארטן דער דיוק, אז דער רמב"ם חזר'ט עס איבער כו"כ פעמים:

פריער שרייבט ער "ומנין מצות התורה הנוהגות לדורות שש מאות ושלש עשרה מצות, מהם מצות עשה מאתים וארבעים ושמנה סימן להם מנין אבריו של אדם, ומהם מצות לא תעשה שלש מאות וששים וחמש סימן להם מנין ימי שנות החמה", ד.ה. ער איז זיך ניט מסתפק נאר מיטן זאגן דעם מספר, נאר ער גיט אויף דעם אויך א סימן ורמז.

דערנאך רעכנט אויס דער רמב"ם יעדער מצוה בפ"ע על הסדר. און דערנאך, לאחרי סיום מנין המצוות, חזר'ט ער איבער (אין דעם שיעור פון ערב פסח) ווידער אמאל דער סך-הכל פון אלע מצוות: "אלו הם תרי"ג מצות כו'", אע"פ וואס ער האט עס שוין געשריבן פריער, חזר'ט ער דאס איבער נאכאמאל.

און דערנאך רעכנט ער אויס אלע מצוות (עשה ולא תעשה) וואס זיינען דא בכל הלכה והלכה (הלכות כלליות). און דערנאך בפנים הספר עצמו – חזר'ט ער איבער נאכאמאל לפני כל הלכה והלכה די מצות עשה ומצות לא תעשה שבהלכה זו, אז אין הלכה פלונית זיינען דא כך וכך מספר מצוות, כך וכך מצות עשה וכך וכך מצות לא תעשה, און רעכנט אויס די מצוות בפרטיות.

זעט מען דערפון וויפל דער רמב"ם איז מדייק במנין ומספר המצוות מן התורה.

לפי"ז ווערט א שטורעמדיקע קלאץ קשיא, פארוואס מ'געפינט ניט קיין שום דיוק אין ספר הרמב"ם בנוגע צו מנין ומספר מצוות

---

169) מהדורת שולזינגער.



SichosKodesh.com

מדברי סופרים? בכל הספר געפינט מען ניט קיין איין מאל אז ער זאל אויס רעכנען וואס עס זיינען די מצוות מדברי סופרים אדער וואס איז מספרם:

אויך בנוגע צו מצוות מדברי סופרים איז דא א מספר מדוייק – ז' מצוות מדרבנן. ווי עס שטייט בכ"מ[170] (איינער פון די פירושים בזה) אז די תר"כ אותיות אין די עשרת הדברות זיינען כנגד די תרי"ג מצוות מן התורה וז' מצוות מדרבנן. די ערשטע תרי"ג אותיות אין די עשה"ד זיינען כנגד די תרי"ג מצוות, און די לעצטע זיבן אותיות, אין די ווערטער "אשר לרעך", זיינען כנגד די ז' מצוות מדרבנן.

ועד"ז ווערט געבראכט אין ספר התניא[171] ובכ"מ, אז די תר"ך עמודי אור פון כתר עליון (וואס גייט אויף רצון העליון) זיינען די תרי"ג מצות התורה און די ז' מצות דרבנן. ד.ה. אז ס'איז בדיוק דוקא ז' מצות דרבנן לא פחות ולא יותר (פונקט ווי תרי"ג מצות זיינען בדיוק לא פחות ולא יותר), ווייל דוקא דעמולט שטעלט עס צוזאמען דעם מספר תר"ך עמודי אור פון כתר עליון (רצון העליון).

[ועפ"ז פארענטפערט ער אין אגה"ק שם פארוואס די מצוות דרבנן זיינען ניט קיין עבירה אויפן לאו פון "לא תוסיף" – די זעלבע שאלה וואס דער רמב"ם איז מבאר בהקדמתו (אין דעם שיעור פון ערב פסח), כנ"ל (ס"ב) – ווייל "ז' מצות דרבנן אינן נחשבות מצות בפני עצמן שהרי כבר נאמר לא תוסף, אלא הן יוצאות ונמשכות ממצות התורה וכלולות בהן במספר תרי"ג כו'"].

ועפ"ז ווערט די "קלאץ קשיא" אויפן רמב"ם:

דער רמב"ם אליין שרייבט בהקדמתו (אין דעם שיעור פון ערב פסח), אז זיין ספר איז כולל תושבע"פ כולה, כולל מצוות מדברי סופרים: "יש מצות אחרות שנתחדשו אחר מתן תורה וקבעו אותם נביאים וחכמים ופשטו בכל ישראל כגון מקרא מגילה ונר חנוכה ותענית תשעה באב ועירובין וידים כו', הכל יתבאר בחיבור זה", און ער שרייבט אז "כל אלו המצות שנתחדשו חייבים אנו לקבלם ולשמרם שנאמר לא תסור מן הדבר כו'" (און איז מסביר פארוואס דאס איז ניט תוספת על מצות התורה, כנ"ל).

ואעפ"כ, בנוגע צו מצוות מן התורה שרייבט ער דא בפירוש (אין דעם ענין גופא – דער שיעור פון ערב פסח) דעם סך-הכל פון

---

170) ראה מגלה עמוקות אופן עה. ועוד. וראה הערה בסה"מ תש"ח ע' 165. וש"נ. 171) אגה"ק סכ"ט.

אלע מצוות, אז מנינם איז תרי"ג לא פחות ולא יותר (ולא יהא נביא רשאי לחדש דבר כו'), און שרייבט עס ניט בלויז איין מאל בספרו, נאר ער איז דאס כופל ומשלש וד' פעמים, און גיט דערצו נאך א סימן ורמז (כנגד אברי האדם וימות החמה), און רעכנט אויס די מצוות בפרטיות זה אחר זה; משא"כ בנוגע צו די מצוות מדברי סופרים איז ניט נאר וואס ער רעכנט זיי ניט אויס בפרטיות, נאר ער שרייבט אפילו ניט מספרם (אפילו קיין איין מאל ניט), אז עס זיינען דא ז' מצוות מדברי סופרים לא פחות ולא יותר (ווי עס שטייט אין ספרים)?!

ואדרבה: פון דעם לשון הרמב"ם הנ"ל "יש מצות אחרות שנתחדשו אחר מתן תורה - די מצוות מדברי סופרים - כגון מקרא מגילה ונר חנוכה ותענית תשעה באב ועירובין וידים", איז מובן אז דאס זיינען נאר דוגמאות אויף מצוות מדברי סופרים, אבער עס זיינען דא נאך מצוות. ד.ה. אז דער רמב"ם איז בפירוש מדגיש אז ער רעכנט ניט אויס אלע מצוות מד"ס (ער גיט בלויז כמה דוגמאות אויף מצוות אלו), און נאכמער - ער שרייבט אפילו ניט וויפל מצוות מד"ס עס זיינען דא, אע"פ וואס בשורות לפנ"ז שרייבט ער דער מספר בדיוק פון מצוות התורה, נוסף לזה וואס ער רעכנט זיי אויס בפרטיות?!

נאכמער: ווייטער אין זיין הקדמה און אזוי אויך בפנים הספר רעכנט אויס דער רמב"ם אין דער כותרת פון יעדער הלכה (כללית) - דער מספר המצוות (עשה ולא תעשה) בהלכה זו, און רעכנט אויך אויס וואס זיינען די מצוות; משא"כ בנוגע מצוות מד"ס שרייבט ער נאר אין דער כותרת פון הלכות עירובין און הלכות מגילה וחנוכה דער מספר פון מצוות מד"ס און וואס די מצוות זיינען, משא"כ בנוגע צו שאר המצוות מד"ס דערמאנט ער זיי בכלל ניט אין דער כותרת, ניט מספרם און ניט וועלכע מצוות זיינען דא אין דער הלכה!

ד.ה. אז אע"פ וואס אין כמה הלכות בספרו זיינען דא סיי מצוות מן התורה און סיי מצוות מד"ס, רעכנט אויס דער רמב"ם אין דער כותרת נאר די מצוות מן התורה און ניט די מצוות מד"ס (חוץ פון הלכות עירובין והלכות מגילה וחנוכה)?!

נוסף לזה וואס בפנים ההלכות עצמן ברענגט דער רמב"ם כמה הלכות וואס זיינען מצוות מד"ס און מערקט אפילו ניט אן אז זיי זיינען מצוות מד"ס, עאכו"כ אז ער שרייבט ניט וועגן דעם אין דער כותרת ההלכות (כנ"ל)!

און כאמור, במיוחד איז די קשיא אויף דער הקדמה פון רמב"ם (דער שיעור פון ערב פסח) וואו ער איז מדייק צו שרייבן דעם סך-הכל פון מצוות מן התורה, ולפנ"ז - גיט ער אויך א סימן לזה,

הנחות הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

משא"כ בנוגע צו מצוות מד"ס (איז ניט נאר וואס ער גיט ניט קיין סימן למספרם, נאר עס) זיינען דא כמה מצוות וואס ער דערמאנט בכלל ניט (ער דערמאנט נאר עטלעכע דוגמאות, "כגון"), און נאכמער – ער זאגט אפילו ניט מספרם, אע"פ וואס עס שטייט אין ספרים אז זיי האבן א מספר מדוייק (ז׳ מצוות)?

און וויבאלד אז ספר הרמב"ם איז געשריבן "לקטן ולגדול", איז פארשטאנדיק אז דאס דארף זיין פארשטאנדיק בפשטות. ד.ה. אז באמת איז דאס ניט קיין "קלאץ קשיא", נאר אדרבה: אפילו ביי א קטן איז דאס קיין קשיא ניט (פונקט פארקערט פון א "קלאץ קשיא").

לה. והביאור בזה:

דער רמב"ם שרייבט (סיי בהקדמתו און סיי בריש הל׳ ממרים), אז דער גדר פון א מצוה מדברי סופרים איז: בשעת בית דין אדער א נביא זען אז אין א מקום אדער זמן מסויים דארף מען אנקומען צו א תקנה וגזירה, "דברים שעשאום סייג לתורה ולפי מה שהשעה צריכה כו׳"[172], און זיי זיינען אזוי מתקן "מצוה דרך תקנה או דרך הוראה או דרך גזירה" – באקומט די הוראה ותקנה וגזירה א תוקף פון תורה און "חייבים אנו לקבלם ולשמרם שנאמר[173] לא תסור מן הדבר וכו׳", דער תוקף פון א לא תעשה, און אויך דער תוקף פון א מצות עשה ("על פי התורה אשר יורוך"[174]).

ד.ה. אז ב"ד זאגט ניט אז "הקב"ה צוה לעשות עירוב או לקרות מגילה בעונתה", ווייל "אילו אמרו כן היו מוסיפין על התורה", נאר זיי זיינען מתקן א תקנה כו׳ וואס לדעתם קומט אויס אז השעה אדער המקום צריכים לזה.

ווי דער רמב"ם ברענגט די דוגמא לזה פון מקרא מגילה: "הנביאים וב"ד תקנום וצוו לקרות המגילה בעונתה כדי להזכיר שבחיו של הקב"ה ותשועות שעשה לנו והי׳ קרוב לשועתנו כדי לברכו ולהללו וכדי להודיע לדורות הבאים שאמת מה שהבטיחנו בתורה[175] ומי גוי גדול אשר לו אלקים וגו׳", ד.ה. אז ב"ד האט געזען פאר נויטיק אז בזמן זה זאל מען מוסיף זיין די מצוה, דערפאר האבן זיי מקיים געווען בקשת אסתר "כתבוני לדורות"[176] און האבן מתקן געווען דער ענין פון מקרא מגילה בכל שנה ושנה.

"ועל דרך זה היא כל מצוה ומצוה שהיא מדברי סופרים בין

---

172) הל׳ ממרים פ"א ה"ב. 173) שופטים יז, א. 174) שם. 175) ואתחנן ד, ז. 176) ראה מגילה יא, א.

עשה ובין לא תעשה".

דאס הייסט, אז דער גדר פון מצות מדברי סופרים איז ניט א מצוה מסויימת אדער דוקא ז' מצוות מסויימות (אזוי ווי דאס איז בנוגע צו די מצוות מן התורה וואס מספרם איז דוקא תרי"ג לא פחות ולא יותר, ווארום אזויפיל מצוות האט דער אויבערשטער געגעבן), נאר א מצוה מד"ס איז תלוי בלויז אין דעת בית דין, ווען לדעתם קומט אויס אז מ'דארף צוגעבן א מצוה אדער א סייג, ווערט דאס א מצוה מדברי סופרים.

ועפ"ז אז מובן, אז ע"פ הלכה קען מען ניט זאגן אז עס זיינען דא בלויז ז' מצוות מדרבנן, ווארום א בית דין וואס האט דעם תוקף המתאים און רשותו נתפשט על רוב ישראל קען ע"פ הלכה אלעמאל קומען און מתקן זיין א תקנה וגזירה כו' הצריכה לאותה שעה ולאותו מקום, און דאס וועט באקומען דעם גאנצן תוקף פון א מצוה מד"ס.

לו. עפ"ז איז פארשטאנדיק פארוואס דער רמב"ם קען ניט שרייבן בספר הלכות שלו וואס עס זיינען די מצוות מד"ס און דער מספר פון מצוות מד"ס (אזוי ווי ער שרייבט עס בנוגע צו מצוות מן התורה),

ווארום ס'איז דא א מצות עשה של תורה, א מצוה לדורות (שנמנה במנין המצוות), "למנות שופטים ושוטרים בכל מדינה ומדינה כו', שנאמר[177] שופטים ושטרים תתן לך בכל שעריך"[178], און דער בית דין האט אלעמאל בכח צו מוסיף זיין נאך א מצוה מד"ס.

און נאכמער: ניט וואס זיי האבן בכח און קענען מוסיף זיין א מצוה מד"ס, נאר א ב"ד וואס האט דעם תוקף פון ב"ד - האט א חיוב זיך צו מתעניין זיין און אויסזוכן וועגן בכדי "לחזק בדקה"[179], און מוסיף זיין תקנות והוראות הצריכות באותו זמן ומקום. כמאחז"ל[180] "רב מצא בקעה וגדר בא גדר". דאס איז א חיוב אויף חכמים וב"ד בכל דור ודור [דאס ווערט ניט גערעכנט אין די ז' מצוות מד"ס, ווייל ס'האט ניט אזא תוקף, אבער ע"פ המובן מדברי הרמב"ם הנ"ל אין דעם גדר פון א מצוה מד"ס, איז פארשטאנדיק אז א ב"ד וואס קען, האט א חיוב צו מוסיף זיין תקנות הצריכות כו'].

ובמילא איז פארשטאנדיק, אז אע"פ וואס בשעת דער רמב"ם האט געשריבן ספרו זיינען געווען נאר ז' מצוות דרבנן, אבער ע"פ הלכה קען דאך זיין אז א טאג נאך כתיבת חיבורו זאל זיך אויפשטעלן א ב"ד (וואס האט דעם תוקף פון א ב"ד שנתקבל על

---

177) ר"פ שופטים. 178) רמב"ם ריש הל' סנהדרין. 179) ל' הרמב"ם סוף פי"א מהל' מלכים. וראה הל' ממרים שם. 180) עירובין ו, א. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

רוב ישראל) און מתקן זיין א תקנה כו' הצריכה לאותה שעה ולאותו מקום, און דעמולט באקומט עס דעם תוקף פון א מצוה מד"ס, פונקט ווי בשעתם האבן די חכמים מתקן געווען "מקרא מגילה ונר חנוכה ותענית תשעה באב ועירובין וידים" (ווי דער רמב"ם שרייבט), און ברכות והלל.

דעריבער קען דער רמב"ם ניט שרייבן אין א ספר של הלכות אלס א פסק הלכה וואס עס זיינען די מצוות מד"ס און אז עס זיינען דא ז' מצוות דרבנן, וואס דערמיט וועט ער שולל זיין אז עס קענען ניט זיין מער מצוות (ח' אדער ט' וכיו"ב) - ווייל ס'איז ניט קיין הלכה אז עס זיינען דא נאר ז' מצוות דרבנן, ואדרבה - ע"פ הלכה פסק'נט דער רמב"ם איז א ב"ד שלאח"ז (וואס האט דעם תוקף) קען און במילא זיינען זיי מחוייב צוגעבן נאך מצוות.

און דער רמב"ם קען אויך ניט פסק'נען, אז עס קען שוין מער ניט זיין א מציאות פון א ב"ד וואס האט דעם תוקף צו מתקן זיין תקנות וגזירות כו' - ווארום "שופטים ושוטרים תתן לך בכל בשעריך" איז א מצות עשה מן התורה, א מצוה לדורות, און "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים"[181], במילא קען מען ניט פסק'נען אז עס קען ניט זיין אזא מציאות.

בפועל זיינען טאקע דא נאר ז' מצוות דרבנן, אבער פסק'נען אין הלכה אז אזוי איז די הלכה - דאס קען מען ניט, ווייל "שופטים גו' תתן לך בכל בשעריך" איז א מצוה לדורות, און ע"פ הלכה בלייבט אלעמאל די אפשריות אז עס זאל אויפשטיין א ב"ד וואס וועט קענען מוסיף זיין נאך א מצוה מד"ס.

ובדוגמא ווי דאס איז בנוגע צו די מצוה פון השמדת ז' אומות, "לא תחי' כל נשמה"[182]: דער רמב"ם איז מסביר[183] דער טעם פארוואס ער רעכנט צווישן די מצוות אויך די מצוה - אע"פ וואס לכאורה איז דאס ניט א מצוה וועלכע איז נוהגת לדורות (וואס אזעלכע מצוות ווערן ניט גערעכנט במנין המצוות) - "לפי שהוא נוהג בכל דור שבו נמצאת אפשרות אותו הדבר", ד.ה. אז אע"פ וואס בפועל קען מען איצטער ניט מקיים זיין די מצוה, איז דאס ניט דערפאר וואס ס'איז דא א חסרון אין דער מצוה, נאר דערפאר וואס ס'איז ניטא אויף וועמען די מצוה זאל חל זיין, אבער די מצוה איז בתוקפה עומדת, אז אויב ס'וועט זיך שאפן אזא מציאות, וועט מען דעמולט קענען מקיים זיין די מצוה בפועל. דערפאר רעכנט ער עס אין מנין המצוות.

---

181) ברכ' לג, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

עד"ז איז אויך בנוגע צו דעם ענין פון מצוות מד"ס:

בפועל זיינען דא נאר ז' מצוות דרבנן און רצון העליון (כתר עליון) באשטייט פון תר"ך עמודי אור (תרי"ג מצוות און ז' מצות דרבנן לא פחות ולא יותר), ווארום דער אויבערשטער, וואס ער איז יודע עתידות און זעט וואס די חכמים וועלן מתקן זיין עד סוף כל הדורות, האט ער אזוי באשטימט;

אבער ע"פ הלכה רעכנט מען זיך אפילו מיט חתי ואמורי (און די אנדערע שבע אומות), אז היות עס קען זיין אן אפשריות אז זיי זאלן אמאל זיין במציאות, האט מען די מצוה פון השמדת האומות (דערפאר איז דאס א מצוה לדורות שנמנה במנין המצוות), איז במכ"ש וק"ו אז אזוי איז דאס בצד הטוב, אז הלכה רעכנט זיך דערמיט אז עס קען זיין עס זאל אויפשטיין א ב"ד עם כל התוקף, און זיי וועלן קענען מתקן זיין מצוות מד"ס.

אמת טאקע עס קען זיין אז די מצוה פון "שופטים גו' תתן לך בכל שעריך" זאל ניט האבן אויף וועמען צו חל זיין בנוגע צו א מצוה נוספת - אבער דאס איז א באזונדער ענין, וואס רירט ניט אן דעם תוקף פון דער מצוה (ע"ד ווי דאס איז בנוגע צו "לא תחי'").

ובפרט אז דער רמב"ם האט דאך געוואוסט די נבואה פון "ואשיבה שופטיך כבראשונה"[184] וואס וועט בפועל מקויים ווערן לע"ל, וואס זיי וועלן האבן דעם כח צו מוסיף זיין א מנהג, ואפילו א תקנה וגזירה, דעריבער קען הלכה ניט אויסשליסן אזא מציאות דורך שרייבן אז ע"פ הלכה זיינען דא נאר ז' מצוות מד"ס.

דעריבער קען דער רמב"ם בספר הלכות שלו ניט שרייבן דעם מנין ומספר פון מצוות מדברי סופרים.

משא"כ בספרי קבלה און אין אגרת הקודש ובכ"מ שרייבט מען אז עס זיינען דא ז' מצוות דרבנן בדיוק לא פחות ולא יותר - ווייל זיי זיינען ניט קיין ספרים של הלכות, נאר זיי זאגן ווי די מציאות איז בפועל, אדער זיי רעדן ווי די כוונה איז מכוונת בתחלה ע"י הקב"ה, אז עס דארף זיין דוקא ז' מצוות דרבנן, און דוקא דעמולט ווערן אויפגעשטעלט די תר"ך עמודי אור פון כתר עליון בגלוי*.

---

*) לשלימות הענין - ראה שיחת ש"פ שמיני.

I2FS

182) שופטים כ, טז. 183) סהמ"צ מ"ע קפז. 184) ישעי' א, כו.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

גוים זען דאס, דער גודל החסרון און היפך פון ישוב העולם וואס איז ארויסגעקומען דערפון וואס באם יוגנט פעלט דער ענין פון רוחניות...

במילא קען מען לייכט געבן צו פארשטיין די עלטערן דער גודל ההכרח אז זיי זאלן אריינגעבן זייערע קינדער אין א פאסיקן מחנה קיץ וואו ס׳איז דא דער ענין פון רוחניות בתכלית ההידור. ואפילו אויב דארטן פעלט אין גשמיות אבער מ׳האט א ריבוי אין רוחניות – וועגט עס איבער א מחנה קיץ וואו מ׳האט א ריבוי אין גשמיות אבער עס פעלט אין רוחניות.

נ. ומגלגלין זכות כו׳ – די אנדערע מבצעים:

אהבת ישראל, ביז אחדות ישראל פון אלע ששים ריבוא מישראל, וואס איז דער שלימות המספר פון אידן. ואע״פ אז מ׳זעט בפועל אז עס זיינען דא מיליאנען אידן, זיינען זיי אבער פרטים וניצוצות פון די ששים ריבוא נשמות כלליות, כמבואר בתניא[236], אז די ששים ריבוא נשמות מישראל "הן שרשים וכל שרש מתחלק לששים רבוא ניצוצות שכל ניצוץ הוא נשמה אחת כו׳״, און דערפון קומט ארויס מיליאנען אידן, ביז "והי׳ מספר בני ישראל כחול הים אשר לא ימד ולא יספר"[237], ווי ס׳וועט זיין בשלימות לע״ל, און אלס הכנה לזה דארף שוין זיין מעין זה איצטער.

און פון אהבת ישראל ואחדות ישראל קומט מען דערנאך צו חינוך עצמו וחינוך זולתו. און דערנאך: תורה, תפילין, מזוזה, צדקה, בית מלא ספרים – יבנה וחכמי׳, כשרות האכילה ושתי׳, הדלקת נרות שבת קודש ויו״ט, טהרת המשפחה, אז יעדער איד זאל לערנען רמב״ם, און יעדער איד זאל האבן אן אות אין איינער פון די ס״ת הכלליים,

און דער קיום פון אלע תרי״ג מצוות מיט אלע זייערע סעיפים וסניפים, כול אויך די ז׳ מצוות דרבנן, כמבואר באגה״ק[238] אז "ז׳ מצות דרבנן אינן נחשבות מצות בפני עצמן שהרי כבר נאמר לא תוסף[239] אלא הן יוצאות ונמשכות ממצות התורה וכלולות בהן במספר תרי״ג כו׳״.

נא. בהמשך לזה איז כאן המקום צו ממשיך זיין דאס וואס מ׳האט גערעדט אחרון של פסח[240] פארוואס דער רמב״ם שרייבט ניט בספרו דער מספר פון די מצוות דרבנן, ווי עס שטייט אין ספרים[241] אז עס

---

236) פל״ז. 237) הושע ב, א. 238) סכ״ט. 239) ראה יג, א. 240) סעיף לג ואילך. 241) מג״ע אופן עה. ועוד. וראה סה״מ תש״ח ע׳ 165. וש״נ.

זיינען דא ז' מצוות, אע"פ וואס ער שרייבט און איז מדייק כמ"פ דער מספר תרי"ג מצוות מן התורה (און איז בכלל מדייק במספרים בספרו).

ער דערמאנט בהקדמתו כמה דוגמאות פון די מצוות מדברי סופרים, "כגון מקרא מגילה ונר חנוכה כו'" (און אויך בספר זמנים דערמאנט ער וועגן מצות מגילה וחנוכה כו'), אבער ער רעכנט זיי ניט אלע, און דער עיקר - ער רעכנט ניט מספרם (ז' מצוות).

און מ'האט מבאר געווען דער טעם לזה, ווייל ע"פ הלכה קען א ב"ד אמיתי אלעמאל מתקן זיין נאך "גזירות תקנות ומנהגות" (בלשון הרמב"ם[242]), ואדרבה - זיי דארפן זיך משתדל זיין צוגעבן נאך תקנות כו' בהתאם להמקום והזמן, בלשון חז"ל[243] - "בקעה מצא וגדר בה גדר".

קומט אויס, אז ע"פ הלכה איז ניט נאר ניטא קיין מספר פון ז' מצוות דרבנן, נאר פונקט פארקערט: ע"פ הלכה האבן מצוות מדרבנן קיין מספר ניט, ווייל עס קען אלעמאל צוקומען נאך (בשעת ע"י א ב"ד אמיתי).

דעריבער קען דער רמב"ם ניט שרייבן בספר הלכות שלו ("הלכות הלכות"[244]), אז ס'איז דא א מספר מסויים פון מצוות דרבנן, ז' מצוות דרבנן, ווייל ע"פ הלכה איז רעכט אז אויף מארגן (וואס דער רמב"ם וואלט דאס געשריבן) זאל צוקומען נאך א מצוה ע"י הרמב"ם עצמו אדער ע"י אן אנדערער חכם בדורו. עאכו"כ במשך די עשר שנים וואס עס האט גענומען דעם רמב"ם שרייבן ספרו[245]. עאכו"כ בכל הזמנים שלאחרי זמן הרמב"ם, ביז ביאת משיח צדקנו, כידוע אז דער רמב"ם איז כולל אלע הלכות ביז אויך הלכתא דמשיחא, ווי ער שרייבט אין הל' מלכים ומלחמותיהם [ביז אז עס זיינען דא דפוסים[246] וואו עס שטייט א כותרת מיוחדת אויף די לעצטע צוויי פרקים פון הל' מלכים מיטן נאמען "הלכות...משיח"].

נב. לפי"ז דארף מען פארשטיין ווי דאס שטימט דערמיט וואס שטייט אין ספרים, ביז ספרי קבלה וחסידות, אז עס זיינען דא דוקא ז' מצוות מדרבנן, לא פחות ולא יותר, וואס זיי צוזאמען מיט די תרי"ג מצוות מה"ת שטעלן אויף די תר"ך עמודי אור פון כתר[247], וואס כנגדם זיינען די תר"ך אותיות אין די עשרת הדברות[241]?

---

242) ריש הל' ממרים. וראה גם בהקדמתו. 243) עירובין ז, א. וש"נ. 244) הקדמת היד. 245) קובץ תשובות הרמב"ם לפסיא ח"א סו"ס מט. וראה גם סדה"ד ד"א תתקכז (בשם ר"ד נכד הרמב"ם). 246) ויניציאה רפד, שי. 247) ראה אגה"ק סכ"ט. סה"מ תש"ח שם. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

מצד דעם כלל שלא לאפושי ממחלוקת[248], דארף מען זיך משתדל זיין זאגן אז ס'איז ניטא קיין מחלוקת צווישן רמב"ם וואס האלט אז מצוות מדרבנן זיינען אין מספר און די ספרים וואס זאגן אז עס זיינען דא ז' מצוות מדרבנן.

איז דער ביאור בזה - ע"ד ווי גערעדט פריער בנוגע צו ידיעה ובחירה (בחירת האדם):

מצד דעם וואס דער אויבערשטער איז א יודע עתידות, איז כלפי שמיא גליא אז די חכמים במשך כל הדורות וועלן מתקן זיין נאר ז' מצוות לא פחות ולא יותר.

אבער די ידיעה איז ניט מכריח די "בחירה" פון תורה והלכה, די בחירה פון די חכמים ובית דין למטה, אז זיי זאלן ניט קענען מתקן זיין נאך מצוות בהתאם צו דעם זמן ומקום, ומצד די "בחירה" פון תורה קען מען מתקן זיין מצוות מדרבנן עד אין סוף.

דאס הייסט: די ידיעה למעלה אז די חכמים וועלן מתקן זיין ז' מצוות - וואס דאס איז גופא איז בהשגחה פרטית - איז דערפאר וואס אזוי איז מתאים לעולם אז דארטן זאלן זיין בפועל דוקא ז' מצוות.

דאס גופא וואס די חכמים וועלן מתקן זיין נאר ז' מצוות (ווי ס'איז מצד די ידיעה למעלה) איז בהשגחה פרטית, ווארום כלפי שמיא גליא אז אין עולם איז מתאים דוקא ז' מצוות.

אבער מצד תורה (ווי זי איז למעלה מעולם בפועל) - וואס זי איז זיכער אויך אמת - קענען זיין מצוות מדרבנן עד אין סוף.

ולדוגמא - ווי דאס איז בנוגע צו ספירות:

עס שטייט[249] אז באור א"ס לפני הצמצום זיינען פאראן בפועל "ספירות אין קץ". משא"כ לאחרי הצמצום זיינען דא בפועל עשר ספירות.

וואס דער פירוש בזה איז ניט אז לאחרי הצמצום איז שוין ניטא די דרגא פון לפני הצמצום ו"ספירות אין קץ", נאר דער ענין פון לפני הצמצום און "ספירות אין קץ" פון לפנה"צ איז דא אויך לאחרי הצמצום (ווארום קדושה לא זזה ממקומה[250]), כמבואר בכו"כ

---

248) ראה שד"ח כללי הפוסקים ס"ב אות א. 249) סה"מ - הנחות הר"פ ע' קסט. וראה ספר הערכים-חב"ד כרך ג ע' קצג ואילך. וש"נ. 250) ראה ע"ח שער ד' פ"ג. של"ד פ"ג. של"ה פ"א. אגה"ק ביאור לסימן ז"ך. וראה גם רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ו הט"ו.

מקומות בחסידות.

ועֿ"ד ווי דאס איז בנוגע צו די עשר ספירות עצמן: פריער איז דא די דרגא פון עשר ספירות הגנוזות, דערנאך איז דאס נתגלה געווארן אין עשר ספירות הגלויות. איז דער פירוש בזה, אז אויך לאחרי ווי ס'איז דא די דרגא פון ע"ס הגלויות איז אויך דא די דרגא פון ע"ס הגנוזות.

ועד"מ ווי דאס איז בכחות האדם:

די כחות האדם ווערן נשתלשל זה מזה: מדות ווערן נמשך פון מוחין, און מוחין (שכל) ווערט נמשך פון שכל ההיולי, ביז צום עצם הנפש. איז דער פירוש בזה, ניט אז לאחרי ווי מוחין ווערט נמשך אין מדות [וואס דאס איז דער ענין פון ספירת העומר[251]], איז ניטא די דרגא פון שכל, נאר זיכער איז דעמולט אויך דא די דרגא פון שכל. ועד"ז לאחרי ווי א דבר מושכל ווערט נמשך פון שכל ההילוי, איז אויך דא בכל התוקף די דרגא פון שכל היולי. ועד"ז בכל הדרגות שבזה.

עד"ז איז אויך בנוגע צו לפני הצמצום און לאחרי הצמצום: אויך לאחרי הצמצום איז דא דער ענין פון לפני הצמצום.

במילא קומט אויס, אז בפועל זיינען דא איצטער ביידע דרגות בכל התוקף: סיי "ספירות אין קץ" מצד לפנה"צ, און סיי עשר ספירות מצד לאחה"צ. דער חילוק איז: "ספירות אין קץ" ווערט ניט נמשך אין וועלט (לאחה"צ), ווייל דאס איז א דרגא פון לפנה"צ (למעלה מהצמצום והבריאה). אין וועלט (לאחה"צ) ווערט נמשך בפועל עשר ספירות.

ועד"ז איז אויך אין תורה:

ס'איז דא די דרגא אין תורה פון "עלמות אין מספר"[252]. דערנאך איז דא די דרגא ווי תורה קומט אראפ בפועל אין עולם במדידה והגבלה – "ששים המה מלכות ושמונים פלגשים"[252], ששים מסכתות ושמונים ברייתות[252].

ולכאורה: למאי נפק"מ אז עס זיינען דא "עלמות אין מספר" ווען בפועל בעולם איז תורה מיט א מדידה והגבלה? נאר אויך די דרגא פון "עלמות אין מספר" איז דא בפועל (אויך בשעת תורה געפינט זיך דא למטה אין א מספר מוגבל) – אבער ווי דאס איז מצד תורה למעלה, און דאס ווערט ניט נמשך בפועל בעולם. ובעולם ווערט

---

251) ראה סה"מ תרע"ח ע' רצא ואילך. 252) שה"ש ו, ח. וראה שהש"ר עה"פ.



SichosKodesh.com

נמשך בפועל די דרגא פון ששים מסכתות ושמונים ברייתות כו'.

עד"ז איז אויך בנוגע צו מצוות מדברי סופרים:

מצד תורה למעלה זיינען דא בפועל מצוות מד"ס בלי מספר (ע"ד ווי מצד לפנה"צ זיינען דא בפועל "ספירות אין קץ"). אבער אין עולם זיינען נמשך געווארן בפועל ז' מצוות בהתאם לזה וואס אזוי דארף זיך אויסשטעלן עולם, תר"ך עמודי אור, תרי"ג מצוות וז' מצוות דרבנן (ע"ד ווי אין עולם זיינען דא בפועל עשר ספירות ווייל דערפון שטעלט זיך אויס עולם).

ועפ"ז איז מובן אז ס'איז ניטא קיין סתירה צווישן דעם וואס לויטן רמב"ם (בספר הלכות) זיינען דא מצוות מד"ס עד אין סוף (ווייל דאס רעדט זיך מצד תורה), דערמיט וואס עס שטייט אין ספרים אז בפועל בעולם זיינען דא ז' מצוות.

נג. מ'דארף נאך אבער פארשטיין בנוגע צו דעם עצם מספר פון ז' מצוות דרבנן (בהתאם צו תר"ך עמודי אור) - מ'געפינט דאך פון די חכמים א ריבוי תקנות ודרשות ופרטים במצוות (מערער ווי ז' מצוות),

ביז ווי דער רמב"ם שרייבט[253] בהשגתו אויפן בה"ג (וואס רעכנט כמה מצוות מדרבנן במנין מצוות מן התורה) אז "אם נמנה (במנין מצוות מן התורה) על עשה דרבנן וכל לא תעשה דרבנן יהי' זה עולה לאלפים רבים"?

איז ידוע דער ביאור בזה[254]:

עס זיינען דא תנאים מסויימים וועלכע מצוות מדרבן מ'רעכנט במנין[255]:

איין תנאי - אז מ'רעכנט נאר די מצוות דרבנן שאין להם עיקר מן התורה.

[ע"ד ווי דער כלל הרמב"ם[256] בנוגע צו מנין המצוות מן התורה, אז "אין ראוי למנות כל מה שלמדים באחת משלש עשרה מדות שהתורה נדרשת בהן או מריבוי", "כל מה שיוציא אדם ענפים מן השרשים שנאמרו לו למשה מסיני בבאור והם תרי"ג מצות כו' אין ראוי למנותם"].

---

253) שרש ראשון בספר המצוות שלו. 254) בהבא לקמן - ראה סה"מ תש"ח שם בהערה. 255) ראה ס' מצוות השם - הובא בהערה שם. 256) סהמ"צ - שרש שני.

ועפ"ז זיינען מובן די דיעות[257] וואס רעכענען ניט מצות ברכות צווישן די מצוות מדרבנן - ווייל יש לו עיקר מן התורה, די מצוה פון ברכת המזון ("ואכלת ושבעת וברכת"[258]) וואס איז א מצוה מן התורה. ועד"ז אויך ניט די מצוה פון הלל - להדיעות אז הלל האט א שרש מן התורה[259].

נאך א תנאי - אז מ'רעכנט נאר די מצוות דרבנן וואס תקנו חז"ל לברך עליהם.

ועפ"ז: דער רמב"ם שרייבט[260] אז במצוות דרבנן ("דברים שעשאום סייג לתורה ולפי מה שהשעה צריכה", "שיורו בהם לרבים כדי לחזק הדת ולתקן העולם") זיינען פאראן דריי סוגים: "גזרות", "תקנות" און "מנהגות"

["מנהגות" דא מיינט ניט אלע מנהגים וואס דער רמב"ם ברענגט בכ"מ בספרו, אז "כן נהגו בספרד" אדער "בשנער"*[260] - ווארום דארטן מיינט מנהג, ניט א מנהג שתקנו החכמים, נאר אז כן הכריעו וכן נהגו אין א מצוה שעיקרה מן התורה וכיו"ב; אבער "מנהגות" בנדו"ד רעדט מען וועגן א מנהג שתיקנו ע"י החכמים ואין לו עיקר מן התורה]:

בנוגע צו "מנהגות" (שתיקנו ע"י החכמים) שרייבט דער רמב"ם אין הל' ברכות[261] (להעתיק הלשון באם אפשר) אז "כל דבר שהוא מנהג...אין מברכין עליו".

בנוגע צו "גזירות", אן עניך פון שב ואל תעשה - מאכט מען אויך ניט קיין ברכה, כידוע דער כלל[262] אז א ברכה מאכט מען נאר אויף קום ועשה.

בלייבט איבער נאר "תקנות" חכמים (קום ועשה) אויף וועלכע מ'מאכט א ברכה.

און צווישן תקנות חכמים (קום ועשה) זיינען דא נאר ז' מצוות אויף וועלכע מ'מאכט א ברכה ואין להם עיקר מן התורה.

ועפ"ז איז מובן דער מנין פון ז' מצוות מדרבנן דוקא.

---

257) סמ"ג סוף מ"ע - ראה בהערה שם. 258) עקב ח, י. 259) ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך הלל ע' שצב ואילך. וש"נ. 260) הל' ממרים פ"א ה"ב. וראה גם בהקדמה. *260) ראה הל' חנוכה פ.". ה."..  261) פי"א הט"ז. 262) ראה רמב"ם שם ה"ב. וראה שו"ת הרשב"א ח"ג סרפ"ג. אנציקלופדי' תלמודית כרך ד ע' תקכד. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com